בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון מ"ז

פרשת משפטים
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א.

## • אַ מְלַמֵּד אוּן אַ שׁוֹחֵט

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין מִיט אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען, צוּ לֶערְנֶען אוּן מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

### אַ מְלַמֵּד אוּן אַ שׁוֹחֵט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ): **"אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים"**, וֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר וִויל וֶוערְן אַ מְלַמֵּד, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: וֶוען אֵיינֶער אַרְבֶּעט פַאר אֵיינֶעם אוּן עֶר בַּאגַנֶב'עט יֶענֶעם, קֶען עֶר אִים שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק צָאלְן, אָבֶער אַ מְלַמֵּד וָואס קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אָדֶער טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת, קֶען דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק צָאלְן, וַוייל וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ צוּרִיק צָאלְן דָאס וָואס דוּ הָאסְט פַארְיָאר גֶעהַאט אַ כִּתָּה אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט גֶענוּג אָנְגֶעגְרֵייט, אָדֶער דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַרַיין גֶעקוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה, אָדֶער דוּ הָאסְט נִישְׁט אַרַיין גֶעלֵייגְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעדַארְפְט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי?!

אוֹיךְ אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן זָאגְן אַז עֶר וִויל וֶוערְן אַ שׁוֹחֵט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: **"אַ שׁוֹחֵט?! - שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז דוּ כַאפְּסְט אָן אַ אִיד מִיט אַ לַאנְגֶע וַוייסֶע בָּארְד אוּן דוּ שֶׁחְטְ'סְט אִים... אִין יֶעדֶע בְּהֵמָה לִיגְט דָאךְ אַ נְשָׁמָה, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם צוּ זַיין אַ שׁוֹחֵט!"**

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: **"וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ שׁוֹחֵט - אוֹיבּ נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן! וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ מְלַמֵּד - אוֹיבּ נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן!"**

שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיָא, עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ סְתִּירָה, קוֹדֶם זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים אוּן שׁוֹחֲטִים, נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן שׁוֹחֵט - אוֹיבּ נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן?

### אַן אַנְדֶערֶע סָארְט אַרְבֶּעט

דֶער תֵּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, זַיי אַ מְלַמֵּד אָבֶער גֶעדֶענְק אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, זַיי אַ שׁוֹחֵט אָבֶער גֶעדֶענְק אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת צוּ זַיין אַ שׁוֹחֵט.

זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ טִיטְשֶׁער אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט; אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין אַ אָפִיס, עֶר דַארְף מַאכְן בַּאשְׁטֶעלוּנְגֶען פַאר עֶמֶעזָאן, מַאכְט נִישְׁט אַזוֹי אוֹיס אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט צַייטְלִיךְ - אָדֶער נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מִיד - אָדֶער נִישְׁט, אָדֶער דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ אִין דִי צַייטְן וָואס דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן, וַוייל דוּ קֶענְסְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען וִויפִיל שָׁעָה דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט פַאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת אוּן אִים צוּרִיק צָאלְן.

הַיינְטִיגֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים קֶענֶען שׁוֹין אַלֵיינְס זֶען אוֹיף זֵייעֶר קָאמְפְּיוּטֶער פוּנְקְטְלִיךְ וָואס יֶעדֶער אַרְבֶּעטֶער טוּט, דֶער בַּעַל הַבַּיִת דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט זַיין אִין דֶעם בִּנְיָן, עֶר קֶען זִיצְן וואוּ עֶר וִויל אוּן מִיט הַאלְטְן פוּנְקְטְלִיךְ וִוי דֶער אַרְבֶּעטֶער שְׁפִּילְט אַ גֶעים, דִי סֶעקְרֶעטֶערִי אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע זַאכְן, עֶר קֶען עֶס גְלַייךְ זֶען. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט אַסַאךְ אַרְבֶּעטֶערְס, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען זֶען וָואס יֶעדֶער אַרְבֶּעטֶער טוּט, עֶר וַוייזְט מִיר: **"קוּק וִוי עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ אַרוּם, אִיךְ שִׁיק אִים אַוֶועק קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ"**.

אָבֶער אַ מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין וָואס טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר עֶס צוּרִיק צָאלְן? - דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: **"אִיךְ וִויל נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְּדִים"**, אָבֶער אַז מֶען וַוייסְט דָאס אַחְרַיוּת דֶערְפוּן אִיז דָא דִי אַנְדֶערֶע שִׂיחָה אַז **"וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ מְלַמֵּד אוֹיבּ נִישְׁט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן!"**

### אַן אַחְרַיוּת'דִיגֶע אַרְבֶּעט

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער; דִי מְלַמְּדִים, מְנַהֲלִים, לֶערֶערִינְס, מְנַהֶלֶתְ'ן, אוּן יֶעדֶער וָואס אַרְבֶּעט אִין דִי מוֹסָד, סַיי בַּיי פְרִישְׁטָאג, סַיי בַּיי לָאנְטְשׁ, סַיי אוֹיפְ'ן בָּאס; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל, אַזוֹי וִוי דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרוֹיס, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז קִינְדֶער זָאלְן זַיין אִין קַיין שׁוּם צַייט אָן אַ מְלַמֵּד אָדֶער לֶערֶערִין! דִי קִינְדֶער מוּזְן זַיין אוּנְטֶער אַן אַחְרַיוּת פוּן אָנְהֵייבּ טָאג בִּיז מֶען גֵייט אַהֵיים, אֵיינֶער זָאל קֶענֶען אִיבֶּער גֶעבְּן וָואס עֶר זֶעט, צִי

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת עֵקֶב, שְׁנַת תשפ"ג לְפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א.

אַלֶעס אִיז פֵּיין, צִי מֶען פִּירְט זִיךְ גֶעזוּנְט, צִי מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיבּ עֶר זֶעט צְוֵויי קִינְדֶער פִּירְן זִיךְ נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זָאל עֶר קֶענֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וָואס מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן.

פוּן אֵיין זַייט זָאל מֶען וִויסְן אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחֲרָיוּת צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל מֶען וִויסְן, וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ מְלַמֵּד, וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ לֶערֶערִין, אוֹיבּ נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן.

## מַיין מְלַמֵּד הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מוּטְשֶׁען - מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ סֵיי וִוי, וואוּ וִוילְסְטוּ אַוֶועק לוֹיפְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ אַוֶועק צוּ לוֹיפְן, פוּן מַיין אַרְבֶּעט בְּלַייבְּט כָאטְשׁ עֶפֶּעס אִיבֶּער, דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן, זֵיי וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען, 'מַיין מְלַמֵּד הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט', 'מַיין לֶערֶערִין הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, 'קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעזָארְגְט פַאר מִיר, אִיךְ בִּין דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶוערֶע צַייט יֶענֶע יָאר, אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין פַּרְנָסָה, אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע, אוּן מַיין מְלַמֵּד הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ גְלֶעט, מַיין לֶערֶערִין הָאט מִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל, עֶר הָאט מִיךְ אוֹיסְגֶעהֶערְט, עֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן אַז אִיךְ בִּין אַ חֵלֶק פוּן דִי כִּתָּה'.

אִיר קֶענְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶס טוּט אוֹיף אַ שְׁמֵייכְל פַאר אַ קִינְד, אַ אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְהֶערְן דֶעם נֶעבֶּעכְדִיגְן קִינְד וָואס קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים.

אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, דַארְף מִיט הַאלְטְן וָואס טוּט זִיךְ אִין זַיין כִּתָּה, עֶר דַארְף וִויסְן אוֹיבּ אִיז דָא אִין זַיין כִּתָּה קִינְדֶער וָואס טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ אִינְגֶל פוּן עֶלְף צְוֶועלְף יָאר, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַזוֹי: **"וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס אִיז דָא אִין מַיין כִּתָּה אַ אִינְגְל וָואס אִיז אַבִּיסְל שְׁטַייט, עֶר רֶעדְט אַבִּיסְל מָאדְנֶע, אוּן עֶס אִיז דָא קִינְדֶער וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ צַאפְּן זַיין בְּלוּט, מֶען מַאכְט נָאךְ וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט, אוּן קֵיינֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג"**, עֶר פְרֶעגְט מִיר: **"רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס טוּט מֶען דָא? אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט"**. וָואס קֶען אַ קִינְד טוּן? אַ קִינְד קֶען זִיךְ נִישְׁט גֵיין קְרִיגְן מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"דוּ זַיי יֶענֶעמְ'ס חַבֵר, דוּ רֶעד מִיט אִים, דוּ מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן אִים"**.

## יוֹשֶׁר אִין כִּתָּה

עֶס מוּז זַיין יוֹשֶׁר אִין כִּתָּה. אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט דֶערְצֵיילְן אַז אֵיינֶער הָאט אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אֵיינֶער הָאט אִים עֶפֶּעס גֶעטוּן, קֶען מֶען אִים נִישְׁט גְלֵייבְּן, מֶען מוּז קוֹדֶם אוֹיסְהֶערְן דִי אַנְדֶערֶע זַייט. אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט קְלָאר אַז דֶער קִינְד טוּט גֶעוֶוענְלִיךְ דִי זַאכְן, קֶען אֶפְשָׁר זַיין אַז פֶּערְצוּפַאל יֶעצְט הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעטוּן, אוּן אֶפְשָׁר הָאט עֶר יֶעצְט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט זַיין וואוֹיל, אוּן מִיטְ'ן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן זַיין צַד גֶעבְּט מֶען אִים נִישְׁט נָאךְ אַ שַׁאנְס צוּ זַיין גוּט, מֶען שְׁטִיפְּט אִים נָאכְאַמָאל אַרָאפּ; מֶען דַארְף אַלְץ אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים.

מֶען הֶערְט אוֹיס בֵּיידֶע קִינְדֶער אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען זָאל טוּן, מֶען קֶען עֶס אוֹיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת. אוֹיבּ מֶען וִויל עֶפֶּעס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן אִין מְלַמְּדִים שְׁטִיבְּל אָדֶער טִיטְשֶׁער רוּם, רֶעדְט מֶען אָן נֶעמֶען; נִישְׁט יֶעדֶער דַארְף מִיט הַאלְטְן פִּינְקְטְלִיךְ וָואס טוּט זִיךְ מִיט יֶעדֶעס קִינְד, וֶוער הָאט גֶעבִּיסְן אוּן וֶוער הָאט גֶערֶעדְט מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען דַארְף יָא זָאגְן נֶעמֶען, קֶען מֶען עֶס נָאר זָאגְן פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת.

## וָואס אִיז דֶער עִיקָר?

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער: **"דוּ בִּיסְט יָא", "דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ קֶענְסְט קָאלֶערְן", "דוּ קֶענְסְט שְׁרַייבְּן", "דוּ קֶענְסְט לֵיינֶען", "דוּ קֶענְסְט זַיין בַּעַל תְּפִלָּה", "דוּ קֶענְסְט זִינְגֶען", "קוּם אַרוֹיף, דוּ קֶענְסְט יָא"**.

קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, קִינְדֶער הַאלְטְן אוֹיף זִיךְ 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד', מֶען דַארְף זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן וַוייזְן: **"דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ קֶענְסְט יָא"**.

## צוּלֵייגְן זַאלְץ אוּן פֶעפֶער...

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, מֶען זָאל זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פוּן צַדִיקִים צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער. מִיר זֶענֶען דָאךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַזוֹי פִיל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז יֶעדֶע וָואךְ דָא מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, מֶען צֵייכְנְט זִיךְ אָן 'דִי מַעֲשֶׂה' גֵיי אִיךְ דֶערְצֵיילְן, אוּן מֶען מֶעג צוּלֵייגְן זַאלְץ אוּן פֶעפֶער צוּ דִי מַעֲשִׂיוֹת, מֶען קֶען בַּאפּוּצְן דִי מַעֲשִׂיוֹת וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, דֶער עִיקָר אִיז דִי מַעֲשֶׂה זָאל זִיךְ רֶעדְן פוּן גוּטֶע מִידוֹת, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, פוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים.

## דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע וָוארְט פוּן דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, מֶען רוּפְט אִים **"רַיי"ץ"** [רֶ'בִּי י'וֹסֵף י'צְחָק], עֶר פְרֶעגְט אַזוֹי, עֶס אִיז דָא זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן מִצְוֹת אִין דִי תּוֹרָה, וָואס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה? מִיט וָואס הֵייבְּט זִיךְ דִי תּוֹרָה אָן? מִיט דִי מִצְוָה פוּן **"פְּרוּ וּרְבוּ"** (בְּרֵאשִׁית א, כח) בְּרֶענְג קִינְדֶער, עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת אִין דִי תּוֹרָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דִי מִצְוָה פוּן בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן אָדֶער דִי מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְוָואס הֵייבְּט זִיךְ דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט אָן מִיט דִי מִצְוָה פוּן הָאבְּן קִינְדֶער?

הָאט עֶר גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְק וָוארְט; דִי תּוֹרָה וַוייזְט אוּנְז, אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דוּ וִוילְסְט מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ וִויסְן: **"דוּ בִּיסְט אַ אִיד, מַאךְ נָאךְ אַ אִיד, בְּרֶענְג נָאךְ אַ אִיד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"**

## בְּרֶסְלֶב אוּן חַבַּ"ד

דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין חַבַּ"ד אִין דִי צַייטְן פוּן קַאמוּנִיזְם אוּן נָאךְ פַארְדֶעם אִין דִי צַייטְן פוּן דִי קַאנְטָאנִיסְטְן, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט הַאלְטְן קַיין אִידִישְׁקֵייט, אוּן

# המשך שיעורים אין חינוך

מאנטאג פרשת עקב, שנת תשפ״ג לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב – ליבערטי יע״א.

## • אַ מְלַמֵּד אוּן אַ שׁוֹחֵט

מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן זֵייעֶר הֵיים, מִילְיָאנֶען מִילְיָאנֶען אִידְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ הַיינְט אוֹיסְגֶעמִישְׁט אִין דִי רוּסִישֶׁע בַּאפֶעלְקֶערוּנְג, זֵיי וֵוייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען אִידְן, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶוען דִי צָרוֹת פוּן 'סְטַאלִין' אוּן 'הִיטְלֶער' יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם; הִיטְלֶערְ'ס רְצִיחוֹת קוּמְט נִישְׁט צוּ צוּ דָאס וָואס סְטַאלִין יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ הָאט גֶעטוּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרֶעסֶערֶער רוֹצֵחַ אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן אִים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְצוּקְנְדֶע וָואלְף, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען דַוְקָא אִידְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ גְלוֹיבּוּנְג, בַּיי אִים אִיז אַ מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען, עֶר הָאט אוֹיסְגֶע'שָׁחְטְ'ן מִילְיָאנֶען מִילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן פֶעסְט מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט אִין רוּסְלַאנְד, אִיז גֶעוֶוען חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב; דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דִי קַאמוּנִיזְם אִיז גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן צוּגֶעמַאכְט אַלֶע שׁוּלְ'ן, חֲדָרִים אוּן שׁוּלֶע'ס, הָאט יֶעדֶער תַּלְמִיד פוּן חַבַּ"ד שְׁטִילֶערְהֵייט גֶענוּמֶען אַפָּאר קִינְדֶער אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה, יֶעדֶע וַוייבְּ'ל פוּן חַבַּ"ד הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶענוּמֶען אַפָּאר מֵיידְלֶעךְ אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי הֲלָכוֹת, מֶען הָאט צוּגֶעדֶעקְט דִי פֶענְסְטֶער מִיט קִישֶׁענֶעס אוּן דָאכֶענֶעס אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי שְׁטִילֶערְהֵייט זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן גֶעמַאכְט נָאךְ אִידְן.

בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן הֲפָצָה דֶערְצֵיילְן וָואס לֵצִים פְרֶעגְן שְׁטֶענְדִיג: **"פַארְוָואס נָאר בְּרֶסְלֶב אוּן חַבַּ"ד זוּכְן אַלְץ צוּ פַארְכַאפְּן מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס בַּיי אוּנְזֶער חֲסִידוּת אִיז יֶעדֶער צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער רֶבִּי פַאר אוּנְז אוּן מִיר זוּכְן נִישְׁט צוּ כַאפְּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן...**" - דִי קַשְׁיָא אִיז דֶער תֵּירוּץ, מִיר הָאבְּן אַ וֶועג צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן אַ וֶועג צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִי תּוֹרָה, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַרֵיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי קִינְדֶער פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן

עַל כָּל פָּנִים אִין חַבַּ"ד אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם וָוארְט, **"דוּ בִּיסְט אַ אִיד - מַאךְ נָאךְ אַ אִיד!"** דֶערְפַאר הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט דִי תּוֹרָה אָן מִיט אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וִוי שְׁמִירַת שַׁבָּת וְכַדוֹמֶה, נָאר מִיט פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קְלָאצְן, בְּרֶענְג קִינְדֶער.

קִינְדֶער מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא 'גֶעבּוֹירְן' קִינְדֶער, קִינְדֶער מֵיינְט מֶען 'תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת' וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי וִוי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ז): וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה, סְתַּם גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? נֵיין! אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי מַאכְן פַאר אִידְן! אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, אַרֵיין לֵייגְן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט.

הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם שִׁיעוּר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### זָאל מֶען גֶעבְּן כָּשֶׁרְ'עֶ ווִידִיאָס פַאר קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ סְגַן מְנַהֵל אִין אַ מוֹסָד פַאר קִינְדֶער פוּן נוֹירְסֶערִי בִּיז כִּתָּה ד', אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן נֵייעֶ חִידוּשִׁים וִויאַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער.

בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד אִיז דָא אַ פְּרָאגְרַאם דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין ווָאוּיל אִינְדֶערְהֵיים, אַז מֶען שִׁיקְט אַהֵיים יֶעדֶע וָואךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס הַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְנוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוּנְז זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דֶעם. אוֹיךְ שִׁיקְן מִיר סִידִי'ס פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים.

לֶעצְטְנְס הָאבְּן עֶלְטֶערְן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דִי מוֹסָד קֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן וִוידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן פוּן דִי פַּרְשָׁה, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע וִכּוּחַ צִי מֶען זָאל עֶס טוּן אָדֶער נִישְׁט, טֵייל הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז אַזוֹי וִוי רוֹב עֶלְטֶערְן וַוייזְן מִמֵּילָא אִידִישֶׁע פְלֶעִיס וְכַדוֹמֶה פַאר דִי קִינְדֶער, אִיז יָא כְּדַאי אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן עֶרְלִיכֶע וִוידִיאָס, אָבֶער אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס קוּמְט אָפִיצִיעֶל פוּן דִי מוֹסָד גֶעבְּט עֶס אַ בְּלִיק כְּאִילוּ וִוידִיאָס אִיז מוּתָּר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז יָא אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִין דִי קִינְדֶער, וִויל אִיךְ הֶערְן פוּן דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא,**

**י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֵייעֶ חִידוּשִׁים?! וָואס פַאר אַ נֵייעֶ חִידוּשִׁים? מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ קַיין נֵייעֶ וֶועגְן, מִיר גֵייעֶן צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסד; שצב): "אִיךְ פִיר אַייךְ אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג וָואס אִיז אַן אַלְטֶער וֶועג, אוֹיף דֶעם וֶועג זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ".

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ מְנַהֵל טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת; דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מְנַהֵל. אַ מְנַהֵל וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק דִי מְלַמְּדִים, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ דִי מְלַמְּדִים וֶועלְן זֵיי אַרְבֶּעטְן גֶעטְרֵיי, זֵיי וֶועלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר אַרְבֶּעט. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער טֶעגְלִיךְ פַאר אַלֶע דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס - דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְּדִים, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי אֲפִילוּ אַ

וָוארְט צְוֵויי, דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן מוּט אָנְצוּגֵיין מִיט דִי קִינְדֶער.

אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, זַיין אַ מְלַמֵּד אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט; וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מְלַמֵּד - דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. רוֹב מָאל ווייסְט קֵיינֶער נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער; דִי עֶלְטֶערְן אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצֶע וָואךְ, זֵיי ווייסְן בִּכְלָל נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי פַארְגֶעסְן אַז זֵיי הָאבְּן בִּכְלָל קִינְדֶער, זֵיי ווייסְן נִישְׁט וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען מְחַזֵּק זַיין אִיז דֶער מְנַהֵל.

ווייז נִישְׁט פַאר קִינְדֶער קֵיין שׁוּם מָאוִוי"ס אוּן קֵיין שׁוּם ווידִיאוֹ"ס, נִישְׁט קֵיין חִילוּק אִידִישֶׁע אָדֶער חֲסִידִישֶׁע; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווייזְן מְמֵילָא פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן ווייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אִיז דָאךְ עֶרְשְׁט אַ סְבָרָא נִישְׁט צוּ ווייזְן, זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין אַפָּאר מִינוּט אִין חֶדֶר גֶעזוּנְט אוּן זֶען זַאכְן פַארְן, קוּמֶען, גֵייעֶן וְכוּ'; קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן אַ הֵייקֶעלֶע מֹחַ, דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

ווייז נִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דִי חֶדֶר הָאט מֶען גֶעווִיזְן פַאר דִי קִינְדֶער אַ ווידִיאוֹ"ו אוּן מוֹהַרְנַ"שׁ הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעלֶערְנְט אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז קֶעגְן חִינוּךְ.

הֶער נִישְׁט אוֹיס מָאדֶערְנֶע חֲסִידִים; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס אוּנְזֶערֶע רַבִּי'ס הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת וירא תשפ"א)

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין בָּחוּר אִיז יֶעצְט בַּר מִצְוָה גֶעוָוארְן, עֶר דַארְף אָנְהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג מִיט דֶעם. אַ מִקְוֶה אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶענְגֶען מֶער קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, אָבֶּער לֵיידֶער זֶעט מֶען ווִי מֶענְטְשְׁן ווַייקְן זִיךְ אִין מִקְוֶה ווִי הֶערִינְגֶען אוּן רֶעדְן דָארְט אַלֶע שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל.

אִיךְ ווייס אַז מִקְוֶה אִיז בֶּאֱמֶת אַ גוּטֶע זַאךְ, דִי שְׁאֵלָה אִיז צוּ הַיינְט אִיז נָאכְאַלְץ אַזוֹי, הַיינְטִיגֶע צַייטְן ווֶען מֶען נוּצְט דָאס אוֹיס פַאר הוֹלֵלוּת וּפְרִיקַת עוֹל, אִיז עֶס נָאכְאַלְץ אַ גוּטֶע זַאךְ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת", דוּרְךְ מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, "וִישׁוּעָה בָּאָה", אוּן מֶען זֶעט אַ יְשׁוּעָה; ווַייל ווֶען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה טוֹבֵל'ט מֶען דִי נְשָׁמָה אוֹיבְן אִין הִימְל.

זֵיי מְחַנֵּךְ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן לֶערְן זֵיי אוֹיס נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן אִין מִקְוֶה, אָבֶּער נִישְׁט זָאגְן מְבַטֵּל זַיין מִקְוֶה ווַייל מֶען שְׁמוּעֶסְט אִין מִקְוֶה, בַּאלְד ווֶעסְטוּ זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל ווַייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאווְנֶען; זוּךְ נִישְׁט קֵיין חָכְמוֹת וְכוּ', פִּיר זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה אוּן לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'מִקְוֶה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן 'תִּקְוָה'; אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה וֶועט מֶען הָאבְּן אַ תִּקְוָה, מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן". אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

בַּיי אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי צוּם בֵּיישְׁפִּיל גֵיין אִין גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן וואוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם - דָארְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אוּן נִישְׁט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל פָארְן מִיטְ'ן בַּאן, וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָארְט מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, גֵיין אִין גַאס וְכַדּוֹמֶה לָזֶה, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן אוּן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

(עצתו אמונה פרשת כי תצא תשפ"ב)

צוּ בַּאקוּמֶען ווֶעכֶנְטְלִיךְ דֶעם גִלְיוֹן, בִּיטֶע שְׁרַייבְּט צוּ: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / -444-9169'212
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876